

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת שלח

# א גאלדענע מעדאל

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** נ"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת שלח

# א גאלדענע מעדאל

### זונטאג נאכמיטאג, אוניווערסיטי סיטי, מיזורי

"באם...בידי...באם...דידי...באם...באפ...!!!" האט זיך געהערט א ווילדער רעש פון פענסטער. מושי און דוד פריעדמאן זענען געלאפן צום פענסטער צו געוואר ווערן וואס עס קומט פאר אין גאס.

"טאטי, מאמי, ס'איז א מארש", האבן זיי אויסגעשריגן מיט עקסטאז. "קוק, מוזיקאנטן מארשירן אראפ דער גאס! מיר האבן נאך קיינמאל נישט געזען א מארש אויף אונזער גאס!" זענען זיי געווען שטארק איבערראשט. אבער דער טאטע האט בכלל נישט אויסגעזען איבערגענומען. וואס גייט אונז אן וואס די גוים פראווען. זאלן זיי זיך פרייען, זינגען און טאנצן אבער מיר האבן נישט קיין שייכות דערצו. מיר דארפן היטן די אויגן און נישט קוקן די סארט זאכן."



מושי און דוד האבן זייער שטארק געוואלט מיטהאלטן די צערעמאניע אבער זיי האבן געפאלגט די עלטערן, אכטונג געגעבן די אויגן פון קוקן ווי מען ברויך נישט.

פון הינטער זייער פענסטער האבן זיי געהערט געשרייען: "מעיאר מעקיגלאַדי! בראוואו! מעיאר מעקיגלאַדי! בראוואו!"

דער מעיאר האט זיך נארוואס צוריקגעקערט פון וואשינגטאן די. סי. וואו ער איז באערט געווארן מיט א מעדאל פון פרעזידענט

אליין אלץ שעצונג צו זיין פראגראם וואס ער האט אויפגעשטעלט צו לינדערן די פיין פון די ארימע קינדער פון אימיגראנטן. יעצט האט ער מארשירט מיט שטאלץ, באצירט מיט דעם מעדאל, איבער די גאסן, וואו די גאנצע שטאט איז ארויס אין א פאראדע אים אפצוגעבן דעם כבוד.

"פון אלע זייטן האט זיך געהערט געשרייען, "מר. מעיאר! מר. מעיאר!" די שטאטלייט האבן אים באזינגען פאר די טובות וואס ער טוט צו העלפן די ארימע און נויטבאדערפטיגע.

## מאנטאג אינדערפרי אין תלמוד תורה

דער גלאק פון הפסקה האט געקלינגען. די קינדער זענען ארויסגעלאפן אין הויף זיך שפילן. איציק האט אנגעהאנגען א שטיקל זילבער פאפיר אויף זיין העמד אלס א מעדאל און זיך געשטעלט אינמיטן פון די גרופע אויסרופענדיג, "איך בין יעצט דער מעיאר!"

חיים און אלי' האבן זיך צוגעשטעלט צו אים און זיך פארגעשטעלט ווי זיי האלטן טראמפייטערס אין די הענט. "באם...בידי...באם...דידי...באפ...בא...!!!" האבן זיי געשפילט, נאכמאכנדיג די הויכע טענער פון די נעכטיגע צעראמאניע. אויך די אנדערע קינדער האבן זיך צוגעשטעלט צום מארש אויסשפילנדיג ווי זיי מארשירן איבער די גאסן. די קינדער פון די אנדערע כיתות וועלכע זענען אויך ארויסגעקומען אין הויף האבן אויך אויסגעשריגן, "מר. מעיאר! מר. מעיאר!" האבן זיי געשאלט. זיי האבן אפגעגעבן דעם גרעסטן כבוד פאר 'איציק שווארץ' ווי גלייך ער וואלט געווען דער מעיאר אליין.

נאך הפסקה זענען די קינדער צוריק אין כתה, נאכאלץ אונטערן רושם פון דער מארש. זיי האבן געמיינט אז די גליק האט זיי באטראפן אז זייער מעיאר האט באקומען א מעדאל פון דעם פרעזידענט אליין. זיי האבן שוין קוים געקענט ווארטן צו גיין אין קעמפ און דערציילן פאר די קינדער פון די אנדערע שטעט אז זייער מעיאר איז באערט געווארן דורך דעם פרעזידענט.

די קינדער זענען געווען אזוי פארנומען ארום דער מעדאל אז זיי האבן נישט באמערקט ווי דער רבי איז אריינגעקומען אין כתה.

"קינדערלעך טייערע, האט רבי חיימאוויטש זיי באגריסט, "איך פארשטיי בכלל נישט פארוואס ענק זענען אזוי איבערגענומען? מען האט שוין געהערט אזאנס, ס'דא אסאך גרעסערע זאכן מיט וואס זיך צו גרויס האלטן!

"וואס מיינט דער רבי צו זאגן, אז דער פרעזידענט איז גרעסער ווי דער מעיאר ווייל ער הערשט איבער דער גאנצער לאנד?" האבן די קינדער געפרעגט.

"ניין, ניין, נישט דאס מיין איך, האט דער רבי קלאר געמאכט, "איך מיין דא ענק אלע, די טייערע תינוקות של בית רבן. ענק אלע, טייערע קינדערלעך, טראגן אויף זיך א גאלדענע מעדאל וואס איז אסאך חשוב'ער ווי דאס וואס דער מעיאר טראגט אויף זיך!"

די קינדער האבן זיך ארומגעקוקט צעמישט. וואס מיינט דער רבי דא? קיינער טראגט נישט אויף זיך א מעדאל אויסער אויב מען רעכנט איציק'ס שטיקל זילבער פאפיר אנגעהאנגען אויף זיין העמד...

"קוק!" האט דער רבי אויסגערופן מיט התלהבות, צוהאלטנדיג זיינע הייליגע ציצית, "מיר טראגן ציצית אויף זיך, דאס איז אסאך חשוב'ער ווי דער מעדאל פונעם מעיאר.

מושי האט אויפגעהויבן זיין האנט אלס צייכן אז ער וויל עפעס פרעגן, "אבער סיי ווער ס'וויל קען אריינגיין אין ספרים געשעפט און זיך קויפן א ציצית פאר אפאר דאלער אבער דער מעדאל פון די פרעזידענט קען מען נישט קויפן פאר קיין געלט."

"אה, דאס איז דיין טעות," האט רבי חיימאוויטש קלאר געמאכט, "נישט יעדער קען זוכה זיין צו אנטון ציצית, נאר א איד קען זיך באצירן מיט דעם ספעציעלן צייכן. געוויס קען א גוי אריינגיין אין געשעפט און זיך איינהאנדלען א פאר ציצית אבער פונקט ווי קיינער וועט נישט געבן כבוד פאר א געפעלטשטן פרעזידענט מעדאל, וועט די ציצית האבן א באדייט נאר ווען א איד טוט עס אן.

אונזערע גוי'שע שכנים זענען איבערגליקליך מיט דעם מעיאר. זיי מיינען אז ער איז שוין א צדיק אז ער האט געטון עפעס גוטס אין זיין לעבן אבער להבדיל, איר קינדער זענען גרויסע צדיקים און מיר ווערן נישט באערט דורך דעם פראסטן פרעזידענט, נאר דורך גדולי הדור און דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא!

יעצט טראכטס אריין," האט רבי חיימאוויטש ממשיך געווען, "עס איז פארגעקומען אין שטאט א רעש'יגע פאראדע, פיין און וואויל, אבער דאס קומט נישט צו צום פאראד וואס איר קינדער פארדינען זיך פארן זיין קינדער פון באשעפער! במהרה בימינו ווען משיח וועט קומען וועלן מיר באקומען אונזער פארדינטן כבוד. און אלע אומות העולם וועלן זינגען אונזער לויב און געזאנג און וועלן אפגעבן כבוד פאר השי"ת דער קעניג פון דער גאנצער וועלט.

און יעצט, ווילאנג מירווארטן נאך אויף משיח דארפן מיר געדענקן אז ווען אימער מיר זעען ווי איינער באקומט כבוד פאר עפעס וואס האט נישט קיין שייכות צו אידישקייט דארפן מיר גלייך וויסן אז אונזער כבוד שטייגט זיי איבער מיליאנען און טריליאנען מאל מער, וואס מען קען עס נישט שאצן."

ווען דער גלאק האט געקלינגען און די קינדער האבן אנגעהויבן אהיימצוגיין איז זייער הארץ געווען פול מיט שטאלץ. נישט ווייל זיי האבן זיך פארגעשטעלט ווי זיי זענען להבדיל דער פראסטער מעיאר נאר ווייל זיי האבן געוואוסט אז זיי זענען ספעציעל חשוב און טראצדעם וואס די גוים פון שטאט וויסן דאס נישט צו שעצן האבן זיי נאכאלץ געשפירט דערהויבן צו טראגן אויף זיך די הייליגע 'מעדאל' וואס אפילו דער מעיאר קען נישט טראגן.

א גוט שבת!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**